# קורץ'ס
# נאטיצן

אפריל 1922

ערשטער נומער

„לאָמיר מיטטראגען מיט זיך אויערן און אויגן פאר דער צייט,
נאר הערצער פאר געשעעניסן"
שעקספיר.

א פארווארט? איך קאן זיך באנוגענען מיט שעקספירס ווארט. נאר אז איך האב שוין אנגעהויבן, וועל איך מיט אלע מענלאכבע אפאלאגיעס צו דעם דערמאנטן, קאמענטירן: אויב מיר האבן יא אויערן און אויגן, זען זיי אבער ניט ווי גאט האט געבאטן. און הארץ פעלט געוויס.

סוויווע, פריינט, קאלעגע — ליגן. וואוינסט אין ניו־יארק און ווילסט אין קאפע ניט ניין: קענסט ניט. פארסט אוועק אויף דער פראווינץ, זיינען דיר א פאר קרוין־נייציקע קאלעגן דאנקבאר.

וואו איז דער צענטער פון דער אמעריקאנער ליטעראטור? א מ ע ר י ק א. וואוינט ראבינזאן, אפענהיים און אונטערמייער אין ניו־יארק. מאסטערס און סאנדבורג אי שיקאגא. (ערשיינט „פאעטרי", איינער פון די וויכטיקסטע זשורנאלען פאר פאעזיע, אין דערזעלביקער שטאט.) איז פראסט אין באסטאן, לינדסיי אין קאליפארניע, קרימבארג אין איטאליע און פאונד — אין לאנדן אדער פאריז. בא אונז, אז ניט ווארשע איז ניו־יארק, און אויב ניו־יארק — איז ניו־יארק. האבן א שאיכעס צום צענטער די ארטיקע; די וואס אויסער אירע גרעניצן, הינטער דער „טשערטא" זיינען „פרעמדע". אזוי קוקט מען אויף זיי. זוי נעמט מען זיי ויף. כאטש עס זיינען דא א היבש ביסל מענשן צווישען זיי מיט גרעסערע קויכעס ווי א סאך פון די ניו־יארקער, זייער באארטיקלטע און באדאבערטע קאלעגן. ווערט אומעטיק. און אז ס'איז אומעטיק איז די גאנצע ארבעט וואס ספארנעמט דיך — וויניק. ווילט זיך נאך טאן. מער לעבעדיקע ארבעט. אי דער אויפטו איז עפשער א קליינער, איז עפשער טאן אליין א מאדריינגע. און וויפיעל טוען מיר דאס אויף מיט אונזער גאנצן טאראראם. טא זאל כאטש זיך דוכטן אז מ'ווערט אביסל לעבעדיקער.

# די אינזיכיסטן

.1

גוט וואס די אינזיכיסטישע גרופע איז זיך צעפאלן: אויס טומל איבער גארנישט. נאר־נישט — ניט דערפאר ווייל דער מעטאר, אלט צי ניי, טויג ניט, נאר דערפאר וואס די גרופע איז בשטאנען פון מענשן וואס זאגן זייער. ווייניק צו און פון וועמען די איניציאטארס פון דער שולע האבן אליין ניט געהאלטן, זיך געמאטערט מיט זיי ווי ילאנג עס האט ניט דערעסן און לעסאף געמאכט א טעל פון אלעמען.

דאס „גוטע“ וואס זיי האבן געטאן באשטייט אין דעם וואס זיי האבן געוויזן א נייעם וועג די אידישע פאעטן וואס לייענען ניט די מאדערנע ענגלישע, אמעריקאנישע אדער פראנצויזישע פאעזיע. יענע האבן זיך אנגעכאפט און באלד אוועקגעלאזט זיך מיט׳ן „פרייעם וועג“ איז דאס אן אויפטו? קיינער דארף א קינסטלער ערגעץ ניט ברענגען. אבער וואוהין האט די גרופע זיך אליין דערפירט? צי וועט זי גאר קומען ערגעץ? און צי האבן דינינקע שטויבעלאך ש ו י ן ניט אפגעמעקט זייערע טריט.

ווי שווער עס זאל מיר ניט זיין צו ריידן וועגן א ריכטונג וואס קומט און פאלט אום איידער זי רעגט אן נייעארבעט, איידער זי וועקט אויף פרישע, אפילע געגנערישע קייכעס — וועל איך דאס דאך מוזן טאן. ווי מילד איך זאל ניט וועלען ריידן, איז שוין מיין שרייבען אליין א שארפקייט. ווייל אויבמיין מיינונג גילט ניט, גילטן פאקטען וואס אלע זעען און וויסען.

איך בין דער לעצטער צו נישט צו מאכן זאכן און מענשן. (אין מיין „שולע“ האט דער קלוגער, לויניקער טאן פון א קאפע־קאלעגע זייער א קליינע מעמישאלע. מיר קאן מען, אפילע מיט א גוטער מיינונג איבער מיין ארבעט, ניט ארייננארען.) אבער אז מענשן נעמען א שיסעל זייפ־וואסער און בלאזען זייפענבלאזן, קלענערע צי גרעסערע, וואס פלאצן איידער זיי דערגרייכן דעם אויסגעלאשענעם פאנאר, און שרייען אז זיי צעלאזן איבער גאר דער וועלט אלערליי קאלירנדיקע, קרישטאלענע אבאזשורן, אייביקע שפיגל־באלונען; אז מענשן הענגען אן אויף זיך א שילד: „מיר זיינען אינזיכיסטען“ זיצן אלע בא איין טיש און קוועלן אז פון זייער בארוף — בעאיים יעדער פון זיי, (די מער פאראנטיוארטליכע און טאלענטירטע) וואלט זיך אפגעזאגט פון דער גאנצער כאליאסטרע, ווען מען גיט אים נאר א לייכטן דריק צום וואנט — איז אומעטיס. ווערט אלץ פארדעכטיק. קריגט דאס העלערע, זוניקערע פון דער ארבעט — שאטנס.

.2

דער וויכטיקסטער פון זיי איז יעקב גלאטשטיין. אין אויסוואל פון טעמעס איז ער ניט ניי. ער האט א פיר פינף לידער וועגן טויט. א סעריע (ארעמע) ליבע לידער. לידער אויף נאציאנאלע טעמעס און א פארנעם אויף אן „אוניווערזאלער“ טעמע — א מילכאמע פאעמע. רעדט וועגן אלטער בלאנדקייט אדער גראער יונגקייט, און — אויך א מאשיאך־טעמע. אבער ס׳איז דא גלאטשטיינען פאר וואס צו לויבן (און איך טו עס, אין א רעצענזיע איבער זיין בוך.) און גענוג אורזאך צו מאנען פון אים. ער איז א פאעט וואס קאן זיין שטעטל באשטיין מיט׳ן שילד צי אן דעם.

אין זיין ארטיקעל „א שנעל־לויף איבער דער אידישער פאעזיע“ שרייבט גלאטשטיין: „געבן זיך איז עפשער דער וועג, אבער „במה דברים אמורים“? אז דער „זיך“ איז אן אינטערע־

קאנטער. נִיט קיין פּערזאָן, נאָר אַ „פּערזענליכקייט”. געזאָגט איז דאָס צו דערווייזן די פלאַכקייט און טרוקנקייט פון דער איך־פּאָעזיע פון די „יונגע”. און ער איז גערעכט. איך גלויב אַז אויב אַ פּאָעט איז נִיט דעקאָראַטיוו און נִיט קיין עסטעטישער פּאָעט, און ער גיט אין זיין פּאָעזיע — עמעס, דאַרפן מיר פילן אַז דער טעמפּעראַמענט פון אָט דעם פּאָעט איז פּ ל אַ ם. וועלן מיר וויסן אַז ער איז צו איפּעטיק, צו אומרואיק און סקעפּטיש־העפקעריש פאַר די אויסערליכע אָרנאַמענטן און עפעקטן. ווייטער זאָגט ער: „מיט זייער קליינע אויסנאַמען זיינען די יונגע קיין אינטערעסאַנטע מענשן נִיט געוואָרן” ווען דעם טראַכט איך אַנדעריש. און עס קאָן זיין אַז גלאַט־שטיין טראַכט אויך אַנדעריש וועגן דעם, היינט. אָבער אַז דאָס גאַנצע ציטירטע קאָן מיט פולן מויל געזאָגט ווערן פון יעדן ערלאַכן מענשן וועמען אַ דורכפאַל פון אַ ווערק אָדער אַ ריכטונג קאָסט געזונט, — וועט זיין מוירעדיק קלענער. ווייל אַפילו אַרבעט איז מער געטאָן געוואָרן. און מער אינטענסיוו. און לענגער ווי זעקס באַדאַ׳שים.

.3

לעיעלעס איז זייער אַמביציעז. אַמביציע איז אַ מאַילע — באַ איינעם וואָס איז געבענשט מיט גרויסע קויכעס. באַ אַזעלכע איז עס נאַטירלאַך. איך צווייפל אָבער אויב לעיעלעס ווערט געצוואונגען פון אינטויִציוון דראַנג. אַז דאָס איז אַזוי — וועט איידעס זאָגן דער גאַנצער פּראַצעס פון זיין אַרבעט און דערהויפּט: זיין פאַרנעם אין „ווייס און נאַלד” און זיין לעצט ווערק: „די מאַיסע פון די הונדערט”. לעיעלעס׳ן האָבן מיר געקענט אין די טעג פון די „יונגע” ער איז שוין יעמאָלט געווען זייער אַמביציעז און געמאַכט פאַרשיידענע ווערטלאָזע עקספּערימענטן ער איז אָבער אַלין נִיט געווען צעפרידן און געגאַנגען ווייטער זוכן נייעם מעטאָד און פאָרם. אומעטום האָט מען געזען אַ וואַ־טשטאַ־בי־טאַ־ניע־סטאַלאַ זוכעניש. אַלעמאָל געפילט אַנגעשטרענגטע קאָגיטאַציע. וואָלט מען אין זיינע לידער פילן אַ טעמפּעראַמענט וואָס קאָן פאַרפירן, וואָלט זיך שפירן כאַאָטישעס, — וואָלט מען געפינען אַ זכוס פאַר זיין „בלאָנזעניש” איז עס אָבער נִיט געווען קיין בלאָנזעניש. און דאָס איז פאַרדראָסיג. לעיעלעס איז אַ פּאָעט וואָס פאַרדינט זיין אָרט אין דער נייער אידישער פּאָעזיע. לעיעלעס האָט אַן אייגענעם זשאַנר. וואו ער פילט זיך היימיש. דער מעטאָד איז זיינער און ער גיט אונז, דאָרט, וואָס איז איינציק אין אונזער פּאָעזיע. דאָס איז דער „יאַלאַנדאַ” און „סעלימאַ” זשאַנר. וואו ער איז כראַמאַטיש, און אין אַזוינע לידער ווי „די צייט” איז ער שיין און גוט. איר פילט לייכטקייט, שפּילעוודיקייט און אויפריכטיקייט. זיי זשפּילן מיט פאַרבן איז אַנדעריש ווי דער פון גולד פּלעטשער׳ס: פּלעטשער איז מערסטענס, פּריקרע — זיס און איבער־עסטעטיש. און אַנדעריש ווי איימי לאָול׳ס — ניטאָ באַ אים זשאָנגלירן. איר איבערטריבענער „שפּיל”.

ווען ער הויבט אָט דאָ אָן, וואָלט ער אויסמיידן אַזוינע לידער ווי "VESPER" וועלכע ער האָט געשריבן צוליב אַפּטישן עפעקט און אַזוינע וואו ער טוט אַ שפּרונג, צוליעב אַסאָציאַציע, וועלכן מיר זען און ,עס לאָזט איבער אַ כאַלאַל. (דאָ האָב איך געהאַט אין זינען אַ ליד וואָס איז ערשינען אין „אין זיך” אָדער, גיכער אין „פּאָעזיע” ס׳איז וועגן אַ מיידל וואָס פאַרקויפט סענדוויטשעס. דאָס ליד איז זייער שיין ביז דעם „שפּרונג” צו די טעמפּלען: די געדאַנקען זיינען דאָרט נִיט אַסאָציִאירט. נִיט איינגעהעפּט אויף אַן אויפן מיר זאָלן פילן די אַסאָ־

לוטע נויטיקייט פון דער אסאציאציע.) אין אימאגיזם און אסאציאציע טאר זיך ניט פילן קיין אננעשטרענגטקייט. קייר איבערדייס. אן אילוסטראציע פון גוטן, ערלאכן אימאגיזם איז דא בא אים גופע. אט איז נאר איין שורע, וועלכע קומט אזוי אויפריכטיק, אזוי בליצנד: „יוני בליצן יאלאנדא" איר פילט אז דאס האט געמוזט קומען. און דאסווארפט א בליציקן קאליר־שפיל אויף דער גאנצער זאך. די שורע פ א ר דער: „אזא ביסטו יאלאנדא" וואלט געקאנט ענדיקן דאס ליד. דער פינאל וואלט זיך פילן. אבער מיט דעם צוקומען פון דעם אימפראמפטו אנטפלעקט זיך פאר אונז א קייאך וואס נויטיקט זיך ניט אין געקינצלטקייט. ער פאקט אונז מיט אפענע בלא־ראזעווע הימלען וואו ס'האבן זיך מיט אמאל א צעשפיל געטאן ווארעמע בליציקע, טאנצענדיקע זומער־פארבן.

.4

וועגן נ. מינקאוו'ן איז מיר שווערלאך צו ריידן. אלע לידער זיינע וואס איך האב געלייענט, האבן מיך מיט אים ניט פארהאלטן. ער האט, דאכט מיר, ניט געטאן גענוג מיך צו איבעראשן און ניט אזוינס מיך צו ערגערן. זיין „טויטע זון" און „דער געקרייציקטער" זיינען פון זיינע בע־סערע, סוביעקטיווע לידער. אלץ וואס מע קאן ארויסנעמען פון זיי איז אן אנשטויס אויף עפעס. „טויטע זון" איז א גאר „הייסער" מאטיף, איז עס אבער איינגעפאסט אין אן אייז־דאם. אין דער קאזעמאט — איך זע ניט ער זאל זיך וואקלער; — דער אימפעט פון ברוסט איז אזוי שוואך און דער „ניין" (דער געקרייציקטער.) האט אזוי וויניק אקשאנעס אין זיך אז דו גלויבסט ניט אין דעם פראטעסט. אין לידער ווי „טאדעאוש פאן קאסציושקא" און „אלפרעד בערזשע" איז דא אן אפ־שטופנדיקער, שרייענדיקער טאן וואס איז אזוי נאענט צו שאבלאנער דעקלאמאציע. און — אנ־געבלאזענעם, וואסערדיקן שטאלץ. עפשער האט ער וואס אויפגעטאן זינט דעם „אין זיך" — אין א יאר קאר א מענש א סאך אויפטאן אויב גאט איז מיט אים.

אין די פארטיקע (טעכניש) לידער פון א בערנארד לואיס איז דא די כאראקטעריסטיק פון דער צייט: דער קאפריז פון דער צייט. ווי ער זאגט: „איך בין א קאלטן אויף אייערע קעפ". איך בין אויך גענויגט צו גלויבן אז אין זיין „ברענגן זיך אליין די בסורע פון זיין אונטערגאנג" איז דא ביטערקייט און עפשער צווייפל, אין זיך, אין דאר. אבער דער אויפן, דער אימאגיזם איז אזא קאלטער, אזא אינטעליגענט־שפראכיקער. אזא איז אויך אלקווים. נאך שוואכער. אנדערש איז לודווינ: ער האט א ברייטערן פעלד, אייגענע מיטלען, אייגן לאשן און אויפן. סטאדאלסקי איז שוואך, אבער לירישן. אויפריכטיק און יאגט זיך זעלטן איבער זיינע קייכעס. אבער דאס אלץ איז זייער וויניק. עס פרייט מיך וואס די איניציאטארס האבן פון זיך אראפגעווארפן די אכראיעס פון זייערע מיטארבייטער וואס פלעגן זיי אפט האדעווען אויף קאלערליי קוריאזן. פאר די רע־דאקטארס איז אלץ קלאר געווען, האבן זיי זיך אפגעשאקעלט אין צייט. (אגעון, דארף נאך יעקב גלאטשטיין, ווי עס זעט אויס לויט זיינע לעצטע לידער אין „לאגלען" ז' י צ יי ט פ א ר ז י ך.) און גוט: ניט זיי, די שאפער פון יענער פאעזיע, ווען זי איז אפילע מער ווי דאס וואס איך זע, קאנען אויף זיך נעמען די ארבעט פון א יונגן דאר פאעטן.

(שלוס־ארטיקל אין צווייטן נומער.)

ש. ק.